# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Bamerkungen Tsu A Diskusye ( Observations For A Discussion)

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/1vw745fk

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)

**Author**
Vaserman (Wasserman), Leyb (Leib)

**Publication Date**
1979-09-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לייב וואַסערמאַן / ניו־יאָרק

# באַמערקונגען צו אַ דיסקוסיע

1.

ס׳איז זייער וויכטיק אַז אַ ליטעראַטור זאָל דיסקוטירן ליטעראַרישע פּראָבלעמען. אָבער ניט אַלע מאָל ווערט ביי אונדז אַזאַ פּראָבלעם דיסקוטירט אין דער ריכטיקער ריכטונג און באַנאָמענט מיטן ריכטיקן נאָמען. נאָך פון גאָר פריער, ווען יידיש איז נאָך געווען צאָלרייך אין טאַלאַנטן און לייענער, ווי אויך איצט, ווען מיר ראַנגלען זיך שוין גאָר שטאַרק פאַר אונדזער קיום, פירט זיך ביי אונדז אַ דיסקוסיע וועגן טראַדיציע און מאָדערניזם אין דער יידישער ליטעראַטור: צי איז בעסער טראַדיציע, צי מאָדערניזם, אָדער זיי זיינען ביידע גוט, ווי דאָס איז ערשט אין פאַרגאַנגענעם יאָר ווידער באַנייט געוואָרן אויף דישפּאַלטן פון אונדזער אָנגעזעענעם זשורנאַל: „די צוקונפט״. מען כאַפּט זיך נישט עד היום, אַז סיי די ריכטונג פונעם פּראָבלעם, סיי דער נאָמען זיינער, זיינען נישט קיין ריכטיקע.

די זאַך איז אין דעם, וואָס פּאָעזיע און קונסט קאָנען אַנדערש ניט געדייען אויף אַן עכטן אופן, ווי נאָר צו דרינגען אין דער אייביקער ווירקלעכקייט פון באַשאַף און זיין באַשעפער. די געטלעכע מיסטעריעס אינעם באַשאַף זיינען תמיד דאָס, וואָס ציען מיט זיך מיט דעם מענטשלעכן גייסט. דער מענטש איז די איינציקע מיסטעריעזע באַשעפעניש וואָס קאָן זיך רעפּרעזענטירן דורך אַ טיף אוממיטלבאַרן לעבן, וואָס דורך דעם דערקענט ער דעם באַשאַף אויף אַ גאָר אינערלעכן אופן. זיינע אוממיטלבאַרע פעיקייטן, וואָס זיינען די העכסטע אויסדרוקן פון זיין גייסט, זיינען אויף דער אומענדלעכער ליניע, וואָס אויף איר זיינען אַלע סודות פונעם באַשאַף, אַלע מיסטעריעס, וואָס וועקן דעם מענטשן ער זאָל זיי דערקענען. און וויבאַלד אויף דער אומענדלעכער ליניע, איז דאָס דורכויס דאָס אייביקע. ס׳איז דאָס וואָס האָט אין זיך אייביקע סודות. צו דעם נישט אוממיטלבאַרן דענקען קאָן עס ניט דערקענט ווערן.

די דערקענונג איז אַ ספּעציפישע און אַ מיסטישע, ווייל זי טויכט נאָר אויף איינעם אוממיטלבאַרן, וואָס איז אַליין דער מיסטישער הויכפּונקט אינעם מענטש. און דערפאַר וואָס דער דאָזיקער הויכפּונקט איז אויף דער אומענדלעכער ליניע, האָט דער מענטש דערפון אַן אומענדלעכן דראַנג, וואָס ציט אים תמיד צו דרינגען אינעם אייביקן. ער וויל דאָס תמיד דערגרונטעווען, ווייל דער דאָזיקער דראַנג וואָס דער באַשעפער האָט אין אים באַשאַפן, שאַפט אין אים אַזאַ ווילן. און פון דעם איז זיין פּאָעזיע און קונסט. ער איז צו דעם באַשאַפן געוואָרן פונעם באַשעפער. דער באַשעפער האָט געוואָלט אַז דער מענטש זאָל קענען דערקענען זיין באַשאַף אוממיטלבאַר, און דורך דעם וואָס ער וועט עס קאָנען טאָן אויף אַזאַ אופן זאָל ער אויך אויף אַזאַ אופן זיך דערנענטערן צו אים אַליין. און קיין גרעסערער אופן פון דעם איז נישטאָ, ווייל דער אוממיטלבאַרער אופן איז אויך דער אופן פון קדושה. און וויבאַלד די באַזונדערס באַגאַבטע מענטשן האָבן אין זיך אַזאַ אַלמעגלעכן אוממיטלבאַרן דראַנג, וואָס טרייבט זיי צו דערקענען דאָס אייביקע, איז וואָס מער זיי גרייכן אין די דאָזיקע שטחים אַלץ גרעסער איז די פּאָזיציע און קונסט. עס הייסט, אַז גרויסע פּאָעזיע און קונסט איז נאָר דורך אַ וויטזיכטיקן דרינגען אין די אייביקע פאַרהעלטענישן. דער אוממיטלבאַרער טאַלאַנט, אויב ער איז עכט, אויב ער האָט די גרויסע אוממיטלבאַרע מעגלעכקייטן, קערט ער ניט אָפּ פון דעם אייביקן.

אַן אָפּקער פון אייביקן קומט נאָר דורכן ניט עכטן טאַלאַנט, וואָס האָט ניט אין זיך דעם גענוגנדיקן אוממיטלבאַרן קערן, וואָס שאַפט דעם גענוגנדיקן דראַנג צו וועלן זען און זיין צווישן די גאָר אומגעווינלעכע אמתן אינעם באַשאַף.

אָט דערפאַר איז די גאָר דרינגלעכע באַהאַנדלונג פון די אייביקע אָנוועזנהייטן נישט קיין טראַדיציע, פּונקט ווי ס׳איז

נישט קיין טראַדיציע צו טרוימען, אָדער דאָס אויסדריקן גשמיותדיק: צו עסן און טרינקען. ס'איז בלויז דאָס וואָס דער עכטער טאַלאַנט מוז זיין און איז, ווייל נאָר אַזוי איז ער באַשאַפן געוואָרן. טראַדיציע איז אַן אויסדערוויילטער און איינגעשטעלטער מענטשלעכער סדר. זי בלייבט אַ צוגעקליבענע ראַם, ווי הויך און ברייט זי זאָל ניט זיין.

אויב מען רופט טראַדיציע אונדזער רעליגיעזע י י ד י ש ק י י ט, איז עס אויך נישט קיין דורכויס גילטיקער נאָמען. ס'איז אפשר אַן אָנגענומענער נאָמען, אָבער ווייט נישט קיין גרינטלעך גילטיקער... אמונה אינעם באַשעפער איז נישט קיין טראַדיציע. ס'איז אַלע מאָל אַן איבערלעבונג אויף דער ליניע פון אומענדלעכקייט, וואָס גייט ווייט אַרויס פון וועלכער ס'איז ראַם, אפילו פון אַזאַ ראַם וואָס מען רופט טראַדיציע. אויב אַ ייד דאַוונט נאָר דערפאַר ווייל ער דאַרף אַלע טאָג דאַוונען, איז עס אפשר טראַדיציע. אָבער אויב אַ ייד דאַוונט ווייל דאָס דאַוונען און די ווערטער פונעם דאַוונען זיינען ביי אים אַלע מאָל אַ גרויסע און נייע איבערלעבונג, ווי חסידים זאָגן, אַז יעדן טאָג דאַוונט מען ווי מען דאַוונט דאָס ערשטע מאָל, איז עס שוין נישט קיין טראַדיציע. און אויך אַזוי איז מיט די מצוות. אויב מען טוט זיי, ווייל אַזוי פירט מען זיך, ווייל אַזוי איז דער שטייגער קאָן מען דאָס אָנרופן: טראַדיציע. אָבער אויב די מצוה לעבט מען אוממיטלבאַר איבער, מען קומט אַריין אין אירע כוחות, יעדער לויט זיין גייסטיקער יכולת און, אַזוי אַרום, גייט מען דורך איר אַרויס עפּעס משיג זיין פונעם באַשעפער, איז אַזאַ אַרויסגאַנג שוין ווייט נישט קיין טראַדיציע, ווייל די היינטיקע כוונה איז נישט די נעכטיקע אָדער די פריערדיקע. און אפילו ווען זי איז יאָ עפּעס אין איינקלאַנג מיט דער פריערדיקער, האָט זי אין זיך אויך אַנדערע דערוואַכונגען, וואָס קומען פון וואָס מער משיג זיין די אמונה.

און אַוודאי און אַוודאי קאָן מען נישט איינפּאַסן אין דער ראַם פון טראַדיציע די תורה אין גאַנצן גענומען, ווייל דאָס וואָס איז געטלעך איז אומענדלעך, אייביק, און נישט קיין טראַדיציע. טראַדיציע איז דירעקט פאַרבונדן מיט צייט, און וויבאַלד מיט צייט, איז אויך מיט אַ געוויסער צייט. אָבער אייביקייט נעמט אַריין אין זיך אַלע צייטן, אָדער בעסער געזאָגט: זי איז צייטלאָז.

איי מען וועט זאָגן: די אייביקע פאַרהעלטענישן האָבן אַן אָרט אין דער צייט וואָס מיר לעבן, און מיר טוען זיי אין דער צייט וואָס מיר לעבן, איז עס אויך נישט קיין באַווייז, אַז מען קאָן זיי אויפפּאַסן ווי טראַדיציע, ווייל צייט איז נאָר דער פּלאַץ פאַר דעם, אָבער ניט דער תוך. די צייט איז נאָר דער דויער אין וועלכן מיר לעבן און יעדער דור טוט די אייביקע זאַכן אין זיין צייט-דויער. ביי יעדן האָט די גויאישקייט מיט די גויאישע צייט-פאַרהעלטענישן קיין מאָל נישט געהאַט קיין גויאישע ווירקונג אויף זייערע אייביקע טואונגען, ווייל אויב מען טרעט ניט אָפּ פון די אייביקע טואונגען, מוז עס אַזוי זיין. יידן האָבן געהאַט זייער באַזונדער צייט, ניט נאָר לויטן באַזונדערן קאַלענדאַר, נאָר לויטן באַזונדערן תוך און רצון, ווייל זיי האָבן זי אָנגעפילט מיט אייביקייט. צייט איז ביי זיי נאָר געווען די נייטראַלע כלי.

טראַדיציע איז אַזוי אַרום נישט דאָס ריכטיקע וואָרט פאַר פּאָעזיע און קונסט, ווי אויך ניט פאַר אונדזער רעליגיעזער יידישקייט, וואָס ספעריש און ממשותדיק איז זי דורכויס פון אייביקייט און מיט אייביקייט. אויב אַ קריטיקער וויל די פּראָבלעמען פון אייביקייט אינעם אוממיטלבאַרן אויסדרוק אָנרופן: טראַדיציע, נעמט ער דעם ענין נישט אויף אינערלעך. פּאָעזיע און קונסט האָבן נישט אַזאַ נאָמענטלעכע עמבלעמע. זיי ווערן נאָר נתגלה דורך אייביקע מיסטעריעזע ליכטיקייטן, און דערפאַר זיינען אַזוינע אַנטפּלעקונגען תמיד איינמאָליקע און פונעם ערשטן קוואַל. וואָלטן פּאָעזיע און קונסט נישט געווען פון אַזאַ יסודותדיקן אויפטויך, וואָלטן זיי קיין מאָל נישט געווען קיין אָריגינעלע פאַקטאָרן, נישט געקענט אַריבערוואַרפן זיין איבער אַלע פאַרהילענישן און, אַזוי אַרום, נישט געווען נישט קיין פּאָעזיע און נישט קיין קונסט.

עס איז נישטאָ קיין אַנדער וועג פאַר פּאָעזיע און קונסט ווי דער אויסקוק צו די וואַכנדיקע פאַרהוילענישן פון אייביקייט און אומענדלעכקייט, און צו שטיין תמיד פאַר דער דאָזיקער מיסטעריע. און דאָס איז נישט קיין טראַדיציע, ווייל די רעגונגען פון אייביקייט זיינען אַלע מאָל אַנדערע און נאָך אַנדערע אָן אַן ענדע. טראַדיציע איז מערסטנס דאָס זעלבע, און אַוודאי ניט פון די תמיד שטייגנדיקע בייקייטן. אפילו ווען אַ סך זאַכן פון טראַדיציע זיינען גענומען פונעם איינמאָליקן, בלייבט עס אָבער תמיד ביי די גענומענע איינסן פון דער איינמאָליקייט, בעת פּאָעזיע און קונסט מוזן ביי יעדער מאָל זיין אַן אַנדערער און נייער איינמאָליקער אויפטויך. אַנדערש איז עס נישט גרויס.

2.

דער צווייטער ע נ י ן אין דער דיסקוסיע, וואָס דאָס איז מאָדערניזם, איז בכלל אַזאַ באַשעפעניש וואָס איז נישטאָ אין דעם אמתן גייסטיקן באַנעם. פון דעם וואָס מיר האָבן שוין געזאָגט אויבן, אין שייכות מיט דער אַזוי גערופענער טראַדיציע, ווערט שוין אויך אין אַלגעמיין פאַרשטענדלעך, אַז מאָדערניזם קאָן נישט פּרעטענדירן אויף אמתער פּאָעזיע און קונסט. אָבער וויבאַלד מאָדערניזם איז געוואָרן אַ ווירקלעכע פאַראַנענקייט אין אַלע ליטעראַטורן, איז נייטיק זיך צו פאַרנעמען מיט דעם אויף אַ מער פּרטימדיקן אופן.

שוין דורך דעם אַליין, וואָס מאָדערניזם איז אַן אָפּקער פון דער אייביקייט, איז ער אויך אַן אָפּקער צום פולן אוממיטלבאַרן לעבן, ווייל די ביידע זאַכן זיינען איינס אין זייער שורש און איינס אין זייער אויפטויך אינעם מענטשלעכן גייסט. און צו אויפכאַפּן די אייביקע מיסטעריעס אין זייער אמתן פלוס, איז נישטאָ קיין שטענדיק אויפגייענדיקע ווירקונג אויפן לייענער ווייל ס'איז נישטאָ קיין דרינגלעכער אוממיטלבאַרער אויפטו. אַזאַ פּאָעט אָדער קינסטלער גיט אין זיינע אוממיטלבאַרע פּרוּוון נאָר דאָס אויבנאויפיקע, אפילו ווען ער מאַכט עס מיט אַלע סטיליסטישע טאַקטן און מיט דעם גאַנצן אַזוי גערופענעם שפּראַך־אוצר וואָס איז קיין מאָל ניט דער שפּראַך־אוצר פון די טיפענישן פון דער נשמה, נאָר פון די מער בלאַנקענדיקע און קיצלדיקע דערבייאיקייטן.

ס'איז אַ כלל, אַז דער וואָס קאָן צעעפענען זיין אייגענע נשמה, אַרויסברענגען זיין אייגענע הערבאַרקייט און זעעוודיקייט ביז צום העכסטן גראַד, קאָן אויך צעעפענען אַנדערע אָדער אַן אַנדערן. דער פּראָזאַיק־קינסטלער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די ברייטע שילדערונגען פונעם סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן לעבן, קאָן דורך אַזאַ זעלבסט־צעעפנטן פאַרנעם זען אפילו אין דעם גאָר אַראָפּגעפאַלענעם מענטש זיין גרויסע אָדער גרעסערע רגע, אפילו ווען זי איז נאָר אַן איינציקע, און דער תוך איז, אויף אַזאַ אופן, אַ געראַטעוועטער.

גרויסע פּראָזע־קינסטלערס, ווען זיי מאָלן אפילו דאָס פאַרדאָרבענע ביז צו די סאַמע נידעריקסטע גרונטן, געבן זיי אויך די טיפע ראַנגלענישן און דראַנגען, וואָס טויכן פון דעם פאַרדאָרבענעם סובייעקט, צו דער אַנדערער און ריינער זייט פונעם לעבן. אָן דער דאָזיקער ברויזנדיקער אַקטיוויטעט פון די סאַמע טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה איז נישטאָ קיין גרויס ווערק און קיין גרויסע ווירקונג אויפן לייענער, נישטאָ קיין מענטשלעכע טיפקייט, קיין דערגרונטעווען זיך צום גייסט און צום בלוט, מיט וואָס דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן און ווו דער גייסט מוז מנצח זיין. נישט דאָס בלוט איז באַשאַפן געוואָרן צו באַזיצן דעם אוממיטלבאַרן וווּנדער, נאָר דער גייסט. דאָס באַווייזט, אַז נישט דאָס בלוט, נאָר דער גייסט איז די צייגעניש פון אַ מענטשלעך געשטאַלט, פונעם מיסטישן גרונטציל פון זיין פּאָעזיע און קונסט.

אַן אַנדער זאַך איז, ווען אַ קינסטלער איז אַליין פאַרדאָרבן און ווילט אויס זיינע העלדן צווישן די פאַרדאָרבענע, אַזאַ קינסטלער, מעג ער זיין אין אַ געוויסער מאָס טאַלאַנטפול, הגם קיין גרויסער טאַלאַנט איז ער קיין מאָל נישט, ווייל טאַלאַנט אין זיין גרויסן דראַנג, איז נישט די פּינסטערניש נאָר די ליכטיקייט, ווייל אונדז נאָר אַריינבאַרן אין זיין הילפלאָזיקייט.

דער אמת איז, אַז דער באַשאַף האָט אומפאַרגלייכלעך פיל מער ליכט ווי פינצטערניש, און אויך די פינצטערניש איז נאָר צו קאָנען דערזען בעסער און שאַרפער דאָס ליכט. און דער טאַלאַנט איז נישט קיין אַנדערס ווי די צירונג אינעם באַשאַף. נאָר דערפאַר הייסט ער דער טאַלאַנט אינעם באַשאַף, דער יעניקער וואָס קאָן אונדז עכט און ריכטיק דעפינירן די באַשאַפענע סודות. און וואָס וויניקער ער קאָן דאָס, איז ער וויניקער טאַלאַנט.

מען טאָר זיך נייט איינרעדן, אַז בלויז מיט באַהויכן פאַרדאָרבנקייט, אָן צו באַהויכן די העכערע ווידערשטאַנדן פון דער נשמה, קאָן מען זיין אַ גרויסער טאַלאַנט. פאַרדאָרבנקייט איז אינעם באַשאַף די אַראָפּנידערונג און ניט דער אויפגאַנג. ווען דער באַשאַף וואָלט באמת געווען די אַראָפּנידערונג, וואָלט ער ניט געווען דאָס וואָס ער איז. ער וואָלט אין גאַנצן נישט געווען קיין באַשאַף, ווייל אַראָפּנידערונג פירט צו אַנטשאַפונג, און נישט צו שאַפונג און אויסברייטערונג. און אויב אַזאַ קינסטלער באַהויכט נאָר דאָס פאַרדאָרבענע, איז אויך די דאָזע פון זיין באַהויכונג אַ גאַנץ קליינע, ווייל די אַראָפּנידערונג גופא איז אַ גאַנץ נישטיקער יש קעגן דעם וואָס ס'איז דער אויפגאַנג. און צו אַ נישטיקן יש דאַרף מען נישט מער ווי אַ נישטיקע באַהויכונג. אנשטאָט צו שטיין פאַר אַ טיפן און הויךאויפגעשטיגענעם יש, ווו מען דאַרף גרויס־פאַרנעמלעכע באַהויכונג, שטייט אַזאַ קינסטלער פאַר אַן איינגעשרומפּענער, קליין־פאַרנעמלעכער דערשיינונג, וואָס ווי קליין זיין באַהויכונג זאָל נישט זיין פאַר איר, איז זי גענוג, און דער איינגעשרומפּענער געניסער, דער אַזוי־גערופענער לייענער, קריגט זיינס, אין אַזאַ באמת אויסגעפילטער מאָס, וואָס מער דאַרף ער נישט.

דאָס עראָטישע וואָס דער מאָדערניזם קעכלט עס אָן שום פּראָפּאָרץ, איז אויך נישט אָפּגעפּרעגט אין עכטער קונסט און פּאָעזיע. אָבער עכטע קונסט און פּאָעזיע גיט עס נישט אינעם נאַקעטן אויפטויך, וואָס דאָס איז די טעמע אין דער מיטלבאַרער ברייט. די בלויזע ברייט, וואָס דאָס איז די נאַקעטקייט, איז שטענדיק דאָס איבערפלעכלעכע. דאָס טיף אוממיטלבאַרע איז תמיד דער סוד. און דער סוד איז דערפאַר סוד, ווייל דער אויסדרוק איז אין אים פאַרהוילן. דער אוממיטלבאַרער אויסדרוק אַנטפּלעקט דעם סוד נאָר דורך דעם, וואָס ער באַהויכט אים אין זיין פאַרהוילנקייט. דער סוד בלייבט אַזוי אַרום סוד אויף אייביק. און פאַרהוילנקייט קאָן מען נישט געבן אויף קיין ברייטן אופן, נאָר שטענדיק קורץ. דערפאַר איז דער גרויסער אוממיטלבאַרער אויסדרוק תמיד קורץ און פאַרהילט. קורצקייט אין פּאָעזיע ווי אויך אין קונסט איז פאַרהילטקייט, ווילאויב נישט פאַרהילט, נישט קורץ, איז נישטאָ דער סוד, נישטאָ די פּאָעזיע און אויך נישט די קונסט. עס הויבט אָן אַרויסצוסטאַרטשען דאָס מיטלבאַרע, וואָס איז נאָר דאָס אָפּגעדעקטע.

דאָס מיינט, אַז נישט געבן די נאַקעטקייט פונעם סעקסועלן לעבן איז ניט נאָר אַ פראַגע פון אַנשטענדיקייט, פון מאָראַל און העכערער מענטשלעכקייט, נאָר באַנאַנד מיט דעם אויך אַ פראַגע פון עכטער פּאָעזיע און קונסט. און די פריערדיקע פּאָעטן און קינסטלער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביי מענטשלעכער אַנשטענדיקייט, האָבן צוזאַמען מיט דעם גאָר אַ סך געוווּנען אינעם אויפטויך פון פּאָעזיע און קונסט, ווייל אַנשטענדיקייט און טיפע אוממיטלבאַרקייט זיינען גאָר נאָענט פאַרוואַנדט.

און דאָ איז ניט נאָר אַ פראַגע פון פאַרדאָרבנקייט, נאָר אויך פון די אַלע סתם עטאַבלירטע בלאָנדזשענישן אין די מאָדערנע אַנווענדונגען, וואָס פירן סיוּוי צו דער אַראָפּנידערונג פון אַלע סאָרטן. אויך די שאַפונגען וואָס דריקן אויס צווייפל אינעם באַשאַף, ווי דאָס איז אָנגענומען ביי די מאָדערנע פּאָעטן און קינסטלערס, זיינען ווייט נישט קיין גענוגנדיקע קונסט און פּאָעזיע. אַ צווייפל וואָס ווערט נישט גענוג ליכטיק, איז אפילו ער איז אין גאַנג פון אַ געוויסער אוממיטלבאַרקייט, איז נישט קיין נייקייט. אויב דאָס אוממיטלבאַרע אינעם צווייפל ווערט העכער און העכער, מוז זיך דער צווייפל ענדיקן מיט הכנעה פאַרן געטלעכן, ווען ניט, בלייבט אין אים אַ נאַקעטקייט, וואָס איז שוין

נישט אין דער אוממיטלבאַרער ספערע. דאָס איז דערפאַר וואָס קיין שום זאַך קאָן זיך נישט אַרויסרייסן פון דער מיסטעריע פון דעם באַשאַף און זיין באַשעפער, אַז זי זאָל נישט בלייבן נאַקעט, אַז זי זאָל נישט אַרויס פון דער פאַרהילטער סימפּאָניע פון דער געטלעכקייט, וואָס קיינער קען דאָס נישט באַזינען העכער ווי ס'איז באַזינט אין דער געטלעכער פאַרהילטקייט.

קיין שום עכטער פּאָעט אָדער קינסטלער איז אַזוי אַרום ניט קיין מאָדערנער, נאָר בלויז אַ טיף אייגנאַרטיקער דורך זיינע טיפע אוממיטלבאַרע פאַרהעלטעניש, ווו דאָס קורצע מענטשלעכע לעבן איז דווקא דאָס אייביקסטע, ווייל ס'איז די סאַמע מיסטעריעזסטע פּראָבלעם.

אויף וויפיל דער באַשאַפענער וווּנדער אינעם באַשאַף איז אומענדלעך, ווייל אומענדלעך איז דער גייסט פונעם באַשעפער, זיינען די אוממיטלבאַרע פאַרהעלטענישן פון יענעם עכטן פּאָעט און קינסטלער תמיד אַנדערע און נייע, וואָס זיינען אומאויפהערלעך דאָ אינעם אומענדלעכן וווּנדער. און יעדער מענטש האָט זיין גאַנג אין דער וועלט, בפרט נאָך דער עכטער טאַלאַנט. און ווי אַן עכטער טאַלאַנט טרעפט ער אָן אין זיין אייגענעם גאַנג, אַלע מאָל דאָס וואָס אַן אַנדערער האָט ניט געטראָפן, אָדער האָט דאָס געטראָפן אַנדערש און פיל אַנדערש, אָבער נישט קעגנזעצלעך צו די טרעפונגען ביים אַנדערן, ווייל אין די העכסטע זאַכן זיינען נישטאָ קיין קעגנזאַצן. דאָס וואָס איז באמת לויטער, האָט נאָר אַנדערע און נאָך אַנדערע שאַטירונגען, אָדער נאָך אַנדערע אויסדרוקן, וואָס אַלע צוזאַמען דריקן זיי אויס אין תוך דעם זעלבן מיסטעריעזן סך־הכל. דאָס וואָס דער באַשאַף איז אַ גרויס־פאַרנעמלעכער און אַן אומגעהייער שטייגנדיקער, מוז ער האָבן אַלע מאָל אַנדערע און נאָך אַנדערע אויסדרוקן, וואָס פירן צו זיין אַלאַרומנעמענדיקער זיכערקייט. די פאַרשיידנאַרטיקע נשמות אין די מענטשן זיינען נישט צום פאַנאַנדערשיידן זיי. אין זייער העכסטער ליכטיקייט זיינען די נשמות נישט קיין קעגנזעצלעכע איינע צו די אַנדערע, נאָר בלויז אַנדערע צו איין זינלעכקייט, ווייל די זינלעכקייט,

הגם זי איז איינע, און מוז זיין איינע, איז אומגעהייער פילפאַרביק אין אירע אייבהייטלעכע טיפענישן.

אויך די אידענטישקייט פון מענטש מיט פּאָעט און קינסטלער, קאָן דינען פאַר אַ באַווייז, ווי פוסט ס'איז די מאָדערניסטישע טעזע. די מדרגה: מענטש, קאָן בשום אופן נישט אָפּגעטיילט ווערן פון דער פּאָעטישער און קינסטלערישער מדרגה ביי אַ פּאָעט ון קינסטלער, ווייל אויך מענטש־מדרגה ווערט תמיד דערגרייכט דורך מענטשלעכער באַגאַבונג, דורך גייסט. אויב די גייסטיקע מעגלעכקייטן אינעם מענטש זיינען קלענערע, איז קלענער אין אים דער מענטש. איז דער מענטש אין אים לויטערער, איז דער קינסטלער לויטערער, איז דער פּאָעט לויטערער. מענטש און פּאָעט זיינען נישט קיין צוויי באַזונדערע זאַכן, ווי אייניקע אויסערלעכע קריטיקער ווילן איינריידן דער לייענער מאַסע. טאַלאַנט אין יעדן געביט, און בפרט אינעם גאָר אוממיטלבאַרן, איז אַנטשטאַנען מיט דער אַנטשטייאונג פון מענטש. ער איז נישט קיין אַנדערס ווי דער מענטשלעכער אויפשטייג. און אויפשטייג מיינט לייטערונג. נאָר ווען מיר קאָנען אַ זאַך לייטערן, דערקענען מיר זי, דערפינדן זי אין אַנטפּלעקן זי. און לייטערן קאָן מען זאַכן נאָר, ווען צוערשט לייטערט מען זיך אַליין. עס הייסט, אַז די איך־לייטערונג, די מענטש־לייטערונג, וואָס דאָס קען נאָר געטאָן ווערן דורך אַ געניוגנדיקן און אַלע מאָל צוקומענדיקן פאַרנעם פון גייסט, פון מענטש־העכערונג, איז די אורזאַך און דער טויער צו אַלע באַגאַבטקייטן, און צום ערשטן און צום פולסטן, צו דער באַגאַבונג פון קונסט און פּאָעזיע.

און וויבאַלד אָט די מענטש־ אָדער גייסט־מדרגה, וואָס אין אירע העכסטע און לויטערסטע אַנטוויקלונגען איז זי אין פולן זין אידענטיש מיט דער פּאָעט־און־קונסט־מדרגה, איז ביי אַ פּאָעט אָדער קינסטלער אַ גאַנץ קלענערע, ווערט זי אין דער היינטיקער אַזוי־גערופענער מאָדערנער צייט דאָס פעלד, פון וואַנען עס זאַמלען זיך די קינסטלערס און פּאָעטן וואָס זיי רופן זיך און מען רופט זיי: מאָ־

דערנע. אָבער דאָס אַלץ איז נאָר אַ דערשיינונג וואָס מען קאָן זי אָנהאַלטן פאַר גילטיק, אויב מען איז ניט גענוג קלאָר אין דעם, וואָס מענטש איז, וואָס באַשאַף איז און וואָס קונסט און פּאָעזיע איז; אויב מען ווייסט ניט פון דעם אידענטישן דראַנג, אָדער פון דער נאַטירלעכער איינהייטלעכקייט, וואָס די אַזוי־גערופענע באַזונדערע זאַכן, שטעלן מיט זיך פאָר.

.3

נאָך אַ וויכטיקע זאַך, וואָס ווייזט די פאַלשקייט פון מאָדערניזם, איז די פאַרבינדונג וואָס מאָדערנע ליטעראַטור־קריטיקערס האָבן געשאַפן צווישן דער מאָדערנער אָדער גשמיותדיקער ציוויליזאַציע מיט קונסט און פּאָעזיע. אַוודאי וועט קיינער נישט אָפּלייקענען דעם טערמין: מאָדערניזם, וואָס שייך גשמיותדיקער ציוויליזאַציע. דאָ איז עס דורכויס אויפן אָרט. דאָס מען האָט, למשל, פאַרביטן די עפּאָכע פון אַקעראייזנס אויף דער עפּאָכע פון טראַקטאָרס, איז טאַקע רעכט אַז מען זאָל די טראַקטאָר־עפּאָכע באַצייכענען ווי אַ מאָדערנע. מען האָט געענדיקט מיט אָפּגעשטאַנענקייט אין גאָר אַ סך געביטן און מען לעבט מיט פאָרשריט. ס׳איז פאַרשווונדן דער אַקעראייזן, דאָס פויערשע פערד־און־וואָגן און נאָך און נאָך ענלעכע זאַכן. אָבער דאָס אַלץ איז נאָר אין גשמיותדיקער ציוויליזאַציע. אין רוחניות, אינעם געביט פון קונסט און פּאָעזיע, זיינען געבליבן און בלייבן אויף אייביק די אַלע פריערדיקע „פערד־און־וועגעלעך", „סאָכעס און אַקעראייזנס". דאָ ווערט גאָר ניט אַרויסגעוואָרפן. קיין איין „אַקעראייזן" פון דער זעל ווערט נישט פאַרביטן אויף קיין „טראַקטאָר". ס׳אַרבעט דאָ נישט קיין שום זעלישע אָדער פּסיכישע טעכנאָלאָגיע צו פּטור ווערן פונעם שטילן „אַקעראייזן" און דערפינדן „טראַקטאָרס", ווייל רוחניות האָט נישט קיין פריער מיט קיין שפּעטער. גייסט איז אויף דער ליניע פון אייביקייט, און אָן דער דאָזיקער ליניע איז נישטאָ קיין גייסט. ער קאָן געדייען נאָר אויף אַזאַ גרויסער „אַרענע" ווי אייביקייט, וואָס איז אידענטיש מיט אומענדלעכקייט. האָט ער נישט אַזוינע אומענדלעכע מעגלעכקייטן, שרומפּט ער איין, און מיט אים צוזאַמען שרומפּט איין דאָס גאַנצע אוממיטלבאַרע וואָס ווערט געשטויסן דורך גייסט.

אין אייביקייט איז נישטאָ אַזאַ זאַך, אַז די פריערדיקע מדרגה, וואָס איז אַ ריכטיקע מדרגה פון אייביקייט, זאָל בטל ווערן, אָדער דערקלערט ווערן פאַר אַלט און אומנוצלעך, צוליב דער גאָר שפּעטערדיקער. פאַרקערט: אפילו ווען מען האָט שוין פיל פון די גאָר שפּעטערדיקע, קאָן מען זיך נישט רירן אָן די פריערדיקע. מען קאָן נישט בלייבן אויף די אויבערשטע שטיגן צום באַשעפער און זאָגן אַז די אונטערשטע שטיגן פון דער ערשטער אָן מעג מען שוין אַרונטערנעמען, ווייל מען דאַרף זיי שוין נישט. פאַרקערט: מען גייט אַלע מאָל צוריק, ביז צום ערשטן שטיג, ווייל אָן די אַלע פריערדיקע און אָן דעם ערשטן, קאָן מען בשום אופן נישט בלייבן אויף די שפּעטערדיקע, אויב נאָר די פריערדיקע זיינען געווען אמת ריכטיקע, אמת אייביקע. און ווען מ׳גייט צוריק צו דער ערשטער, טרעפט מען אין איר אויך דאָס וואָס פריער האָט מען נישט געטראָפן, ווייל די שטיגן אין דער אייביקייט זיינען נישט פון קיין אויסשעפּנדיקן מקור.

אָט דאָס איז די טעזע פון אייביקייט. אין דעם איז דער חילוק פון אייביקייט ביז צייט, ווייל צייט איז תמיד צווייפלהאַפט וואָס שייך דעם אמת, דורך דעם וואָס זי ווערט אָנגעפילט מייט בלאָנדזשענדיקע איינהאַלטן, אויפן באַזיס פון אַזאַ מענטשלעכער לאָגיק, וואָס וויל זיך סעפּערירן צו זיך אַליין, אָן אַ גריינטלעכן אַריינבליק אין די אַלע אַנדערע געטלעכע מיסטעריעס.

צווישן די וואָס יאָגן זיך תמיד נאָך גרינגע לייזונגען זיינען פאַראַן אַזוינע וואָס פאַרטומלען זייער געוויסן מיט איילנדיקן געשריי, אַז זיי פאַרשטייען נישט דעם באַגריף אייביקייט. אָבער דער אמת איז, אַז אייביקייט איז דאָס סאַמע פּערפעקטע אין אונדזער גייסט, ווייל אמת פּערפעקט איז נאָר דאָס געטלעכע. און דאָס וואָס איז באמת פּערפעקט לאָזט זיך פאַרשטיין דורכן פאַקט פון פּערפעקטקייט. אונדזער גאַנצער גייסט איז גראָד אונטערן „דרוק"

פון דער דאָזיקער ווונדערלעכער פערפעקציע. און הגם אייביקייט איז דער סאַמע אַבסטראַקטער באַגריף, קאָן ער אויך איינגעפאַסט ווערן אין אונדזערע לאָגישע באַגריפן.

אויך אייביקייט לאָזט זיך דעפינירן, הגם נישט אין דער קורצער דעפיניציע. און וויבאַלד די וואָס זאָגן אַז זיי פאַרשטייען נישט וואָס אייביקייט איז, האַלטן אויך פון דעפיניציעס, ווייל אָן דעפיניציעס קאָן מען זיך נישט רירן אין קיין שום געביט פון לאָגישע אויפקלערונגען, מוזן זיי פאַרשטיין, אַז ניט נאָר די דעפיניציע פון אייביקייט איז אַבסטראַקט, נאָר אַבסטראַקט זיינען אַלע דעפיניציעס אין אונדזער גאַנצן גייסטיקן וויסן, ווייל דאָס וואָס ווערט דערפירט צו דער בליציקער קורצקייט פון אַ דעפיניציע, מוז דערווייטערט ווערן פון דער ברייטער קאָנקרעטקייט. אייביקייט וואָס איז דורכויס אידענטיש מיט אומענדלעכקייט אין צייט און מיט אומענדלעכקייט אין גייסט, ווייזט אונדז אַז אויך גייסט, מיט וועלכן מיר שאַפן קונסט און פאָעזיע, איז אויך פון די סאַמע אַבסטראַקטע באַגריפן, און במילא אויך אַזוי אין דער דעפיניציע.

איז אויב די דעפיניציע וועגן גייסט מוז זיין אייגנטימלעך פאַר יעדן העכערן אינטעליגענטן מענטש, און במילא אויך פאַר די וואָס שטייען אינעם לאַגער פון מאָדערניסטישער קונסט און פאָעזיע קעגן אייביקייט, מוזן זיי זיך אויך ערנסט באַטראַכטן וועגן אייביקייט, ווייל גייסט און אייביקייט זיינען אידענטיש.

מען מוז פאַרשטיין, אַז אייביקייייט, אויף וועלכן געביט פון גייסט מען זאָל נישט צילן, לאָזט זיך נישט אָפטיילן פון דער אייביקייט פונעם באַשעפער. עס איז אַ טיף רעליגיעזער באַגריף, וואָס קיין שום וועלטלעכקייט קאָן אים נישט פאַרשטעלן וועלטלעך. אין די באַגריפן פון נישט רעליגיעז, נישט מיסטעריעז, בלייבן מיר גאָר נישטיקע באַשעפענישן, ווייל אָן דער מיסטעריע, וואָס דאָס איז גייסט גופא, איז נישטאָ קיין גייסט־אויפגאַנג. און די מיסטעריע, וואָס קאָן נישט ווערן סעקולער אָדער וועלטלעך, פירט שוין אין אירע אַלע אָנהייבן צום באַשעפער. דאָס וואָס דער אייביקער באַשעפער האָט באַשאַפן דעם מענטש פון גייסט, ווי די הויפט יצירה אינעם באַשאַף, ווייזט, אַז די ספערע פון אייביקייט אין אַ מענטשלעכער ספערע, איז דאָ אינעם מענטשלעכן גייסט, וואָס דאָס מיינט, אין אַלץ וואָס דער דאָזיקער גייסט טוט און שאַפט, און בפרט אין זיין אוממיטלבאַרסטן שאַפן, וואָס דאָס איז פאָעזיע און קונסט.

וויבאַלד דאָס טיף אוממיטלבאַרע פונעם מענטשלעכן גייסט, וואָס דאָס איז די העכסטע גייסט־באַגאַבונג, מוז זיך קאָנצענטרירן אויפן באַשאַף פונעם אייביקן באַשעפער, ווייל קיין אַנדערע ענלעכע פונקטן זיינען דאָך נישטאָ, און ווען זיי זיינען דאָ, וואָלטן זיי ווידער געווען אַזעלכע, מוז דער דאָזיקער אוממיטלבאַרער גייסט זיך דערלאַנגען צו דעם וואָס גרינטלעכער און לויטערער. און די מיסטעריעס, געגעבן אין זייער לויטערקייט, הערן נישט אויף צו זיין פאַרטרוילעך מיט זייער שטענדיקן אמת, וואָס דורך דעם זיינען זיי אייביקע. זיי זיינען דאָס נאָענטסטע צו דעם וואָס דער מענטש קאָן מיט זיי אָנווייזן אויפן אייביקן באַשעפער. און דערפאַר איז עכטע פאָעזיע תמיד רעליגיעז, תמיד געווענדעט דורך אַלע אירע אָנדייטונגען צום באַשעפער, און דורך דעם, צום אויפכאַפן דאָס אייביקע. און ווייל אייביקייט איז די סאַמע גרעסטע ווירקלעכקייט, דער אומעטומעדיקער סוד וואָס נערט דעם גייסט, ווייזט עס אויף דעם בולטסטן אופן, אַז פאָעזיע און קונסט קאָנען ניט ווערן מאָדערן. עס קאָנען ניט מאָדערן ווערן אייביקייט, אומענדלעכקייט און גייסט.

דער מאָדערנער באַגריף דרינגט נאָר פון דער גשמיותדיקער וויסנשאַפט, וואָס שאַפט די גשמיותדיקע ציוויליזאַציע. און אויב פאָעזיע און קונסט זאָלן ווערן, אַזוי צו זאָגן, מאָדערן, דאַרפן זיי אונטערטעניק ווערן צום גשמיותדיקן אויפטו, וואָס ווערט געשאַפן מיט אַ פיל קלענערן אוממיטלבאַרן כוח פון דעם, וואָס איז דער אוממיטלבאַרער כוח צו שאַפן פאָעזיע און קונסט. איז וואָס פאַר אַ פאָעזיע און קונסט וועט דאָס דעמאָלט זיין?, לאָמיר זאָגן, מאָדערנע פאָעזיע און קונסט וועט מוזן זיין אַן אַראָפנידערונג צום גאַנצן פראָנט פון דער גשמיותדיקער ציוויליזאַציע,

וואָס וועט דעריבער זיין פון אַ גאַנץ קנאַפּער אוממיטלבאַרער גרינטלעכקייט. און דאָס איז טאַקע מיט די היינטיקע מאָדערנע פּאָעטן און קינסטלערס אין אַלע לענדער, חוץ געוויסע אויסנאַמען, וואָס גייען אַוועק פון אַזאַ בלינדער אַראָפּנידערונג אין גשמיות, צו אַ געוויסן גראַד פון אוממיטלבאַרער טיפקייט, וואָס דורך דעם ווערן זיי אויס מאָדערן, לויט זייער צוריקקער צום אייביקן.

.4

צום סוף, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַלעם, דאַרף מען נאָך אָנווייזן, אַז די טענדענצן פון וועלן אַריינפלעכטן די אַזוי גערופענע טערמינען: טראַדיציע און מאָדערניזם, אין די פאָרמען פון פּאָעזיע, זיינען אויך אַבסאָלוט נישט באַרעכטיקט. גראַם און דער געמאָסטענער פערז האָבן נישט קיין שום שייכות צו דער אַזוי־גערופענער טראַדיציע, פונקט ווי נישט־גראַם און פרייער פערז האָבן נישט קיין שייכות צו מאָדערניזם. פּאָעזיע מעסט זיך נישט מיט גראַם, מיט געמאָסטענעם פערז, און אויך נישט מיט פרייען פערז. די אַלע זאַכן זיינען בלויז אויסערלעכע פאָרמען, דורך וועלכער דער אָדער יענער פּאָעט באַגערט אויסצודריקן זיינע גאָר אינערלעכע אוממיטלבאַרע אויסדרוקן. אַ פאַקט איז, אַז מען קאָן גרויסע פּאָעזיע אויך שרייבן אין דער פּראָזע־פאָרם, און נישט אינעם געמאָסטענעם פערז מיט גראַם אָדעד אָן גראַם, און נישט אין פרייען פערז, ווייל פּאָעזיע איז בלויז דער אוממיטלבאַרער קערן פונעם מענטשלעכן געמיט,און די די אָדער אַנדערע אויסערלעכע אָנווענדונג. ס'איז אויך אַ פאַקט, אַז מען קאָן אַרויסברענגען דעם גלאַטסטן געמאָסטענעם פערז מיט דעם אַזוי־גערופענעם גוטן גראַם, און ס'זאָל נישט זיין דאָרט קיין שמץ פון פּאָעזיע, ווייל די דאָזיקע זאַכן זיינען נאָר אויסערלעכע פאָרמען.

איז ווי־זשע קומט עס וואָס ביים עכטן פּאָעט פילן מיר, אַז די אויסערלעכע ראַם פון גראַם און געמאָסטענעם פערז קומט אַרויס ווי אַן אָרגאַנישע איינהייט מיט דער יצירה? דאָס איז פּשוט דערפאַר, וואָס זיין טיפער אוממיטלבאַרער אויסדרוק פאַרוואַנדלט אין יצירה אויך דאָס דאָזיקע. פונקט ווי דורך די ווערטער פון זיין שפּראַך, וואָס זיינע אַלע שפּראַך־ברידער ריידן זי, צויבערט ער אַרויס דאָס סאַמע אוממיטלבאַרסטע פון זיין געמיט, אַזוי ווערט עס אויך מיט דעם גראַם און מיט דעם געמאָסטענעם פערז, אין אַזאַ אָדער אַנדער קאָמבינאַציע פון אויסדרוק און קלאַנג. פונקט ווי דאָס אוממיטלבאַרע קומט צוזאַמען מיט דעם געהעריקן שפּראַך אויסדרוק, ווייל ס'איז דער געהעריקער שפּראַך־אויסדרוק גופא, אַזוי קומט עס צוזאַמען מיט דעם געהעריקן קלאַנג אָדער מוזיק, ווייל אויך דאָס איז דער באַדינגטער אוממיטלבאַרער קערן.

אָן דער מיסטעריעזער מוזיק אָדער מיסטעריעזן קלאַנג איז נישטאָ קיין מיסטעריזער אויסדרוק פון איבערגעבן עפּעס אָדער זאָגן עפּעס. דאָס מיסטעריעזע אָדער טיף אוממיטלבאַרע איז אַן איינהייט פון אַ סך מיסטעריעזע איינצלהייטן, וואָס דער קריטיקער וויל עס רופן די פאָרם, אָבער ס'איז פיל און פיל העכער פון דעם וואָס מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן אַלס פאָרם. דאָס איז דערפאַר וואָס מיסטעריע קאָן מען ניט אַרונטערנעמען אונטער פאָרם. פאָרם איז אַן ענין וואָס האָט אין זיך אויך מיטלבאַרע רעאַליטעטן. און אפילו ווען דאָס אוממיטלבאַרע אידענטיפיצירן מיר אויך מיט פאָרם, איז דאָ אַ גרענעץ צו אַזאַ פאָרם־באַגריף, ווייל ווען דאָס אוממיטלבאַרע ווערט אַלץ מער מיסטעריע, ווערט די אַזוי־גערופענע פאָרם־קעניגין אין גאַנצן אומזעבאַר, ווייל צוזאַמען מיט דער העכערער מיסטעריע קומט אַזאַ העכערענטוויקלונג, וואָס איז אַלץ מער אומדעפינירבאַר.

אָט דערפאַר איז אויך צו פאַרשטיין, אַז דעם געמאָסטענעם פערז מיטן גראַם קאָן מען נישט אַריינשטעלן אינעם ראַמל פון אַ מין טראַדיציע, הגם די דאָזיקע אָנווענדונג גייט שוין כמעט אָן פון זינט פּאָעזיע האָט אויפגעטויכט. און פונקט אַזוי האָט נישט קיין שום שייכות דער פרייער נישט געגראַמטער פערז מיט מאָדערניזם, ווייל אויך וועגן פרייען פערז האַנדלט זיך ניט וועגן דעם פערז גופא, נאָר וועגן דעם

גאָר הויכן אוממיטלבאַרן גראַד, וואָס ווערט דורך אים אויסגעדרוקט. אויב געוויסע אַזוי גערופענע מאָדערנע פּאָעטן זיינען אין זייער פרייען פערז אומגעלומפּערט צעפלאָסן, איז עס נישט די שולד פון דעם פרייען פערז, נאָר פון זייער שוואַכן טאַלאַנט. אַ שוואַכער טאַלאַנט קאָן אויך זיין אומגעלומפּערט צעפלאָסן אין געמאָסטענעם פערז. דער געמאָסטענער פערז, אויך מיט זיין גראַם, קויפט מיט קיין שום זאַך נישט אויס דעם צעפאָרענעם אָדער שוואַכן טאַלאַנט. די וווּנדערלעכע גאַנצקייט פון דער פּאָעטישער יצירה איז נאָר אין דער הויכקייט פונעם פּאָעטישן טאַלאַנט, דורך זיין אינערלעכער אוממיטלבאַרער קראַפט, וואָס בויט אויף מיסטעריעזע גאַנצקייטן. און ווער עס וויל זיך איינרעדן אַז דער גראַם און דער געמאָסטענער פערז איז אַ טובה פאַרן פּאָעט, פאַרשטייט נישט אַז דער עכטער פּאָעט דאַרף נישט, פון ווו עס זאָל נישט זיין, קיין טובה, ווייל אַלע „טובות" קומען ביי אים נאָר פון זיין איינעזאַמלטער אוממיטלבאַרער וועלט.

אַדרבא, דער פרייער פערז איז פאַר דער פּאָעטישער יצירה דווקא פיל מער אייגנטימלעכער ווי דער געמאָסטענער, און נאָך באַזונדערס מער ווי דער געמאָסטענער מיטן גראַם, ווייל ער באַפרייט דורכאויס דעם אוממיטלבאַרן פלוס פון אַן אַריינפיר, וואָס געהער זיך גאָר נישט אָן צום סוד פון פּאָעזיע אָדער צום סוד פונעם פּאָעטישן אויפטויך. דער פּאָעט איז דער וואָס באַפּרוכפּערט דעם ראַם און דעם געמאָסטענעם פערז מיט מיסטעריע, און נישט פאַרקערט. דער גראַם גופא איז נישט קיין געמיט־אויסגוס. דער גראַם און דער געמאָסטענער פערז זיינען בלויז אויסערלעכע עלעמענטן פון אַרכיטעקטאָנישער קונסט, און גרויסע פּאָעזיע גייט בכלל אַרויס פון דעם גדר פון קונסט.

קונסט איז צוליב דעם קונסט, ווייל זי אימיטירט אין אַ גרויסער מאָס דעם באַשאַף, און ווי זי זאָל נישט זיין גרויס אין דער אימיטאַציע און ווי די אימיטאַציע זאָל נישט זיין נאָענט צו אַזאַ געטלעכן אָביעקט ווי דער באַשאַף, איז זי אין דעם טייל ווו זי פילט אויס איר דראַנג צו אימיטאַציע, אינעם גדר פון אַן אויסערלעכן פענאָמען, פון אויסערלעכע און טרעפלעכע אַנטוויקלונגען פון די עקזיסטירנדיקע ישן. אַ דאַנק דער אימיטאַציע, וואָס דאָס איז אייגנטלעך דער גרעסער קערן פון קונסט, מאָלט זי און שילדערט פּאָרטרעטן, טיפּן, אומגעבונג, אַקציעס פון סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן און נאָך און נאָך זאַכן פון אַן ענלעכן ענין.

אַריסטאָטל, וואָס איז אין משך פון דורות געווען דער גאָר פאַרנעמלעכער פילאָסאָף, האָט שוין געהאַט אָנגעוויזן, אַז קונסט איז די נאָכמאַכונג פונעם באַשאַף. אָבער די פאָרמולירונג פון אַריסטאָטלען, וואָס מען חזרט איבער אָן שום קריטעריום, איז נישט אין גאַנצן קיין ריכטיקע, ווייל יעדער קינסטלער איז אויך אַ טיילווייזער פּאָעט, און אין דעם טייל, דעם פּאָעטישן, וואָס מישט זיך ביי אים תמיד אויס מיטן קינסטלערישן, איז ער שוין נישט בלויז דער אוממיטלבאַרער נאָכמאַכער פונעם באַשאַף, נאָר אויך דער אוממיטלבאַרער אויסטייטשער. און דערפאַר איז אַריסטאָטעלס דעפיניציע ניט אין גאַנצן ריכטיק, אָדער ניט אין דער פולער מאָס דעפינירט.

אָבער אומאָפּהענגיק פון דער דאָזיקער דעפיניציע, הערשט נאָך עד היום ביי אַ סך קריטיקערס אַ מישמאַש ווען מען רעדט פון קונסט און פּאָעזיע. מען באַנעמט נישט אַז פּאָעזיע איז אַ באַזונדער פלוס אין דער העכסטער מיסטעריע פון גייסטיקער שאַפונג. בעת קונסט ווייסט אַלע מאָל ווו זי געפינט זיך, וועלכן קינסטלערישן אָדער מאָלערישן דעטאַל זי דאַרף צוגעבן, איז פּאָעזיע בלויז דער ריינער אוממיטלבאַרער אויסגוס, אָן שום באַפּורצונגען. אמתע פּאָעזיע איז קיין מאָל נישט ראַפינירט, ווי דאָס איז קונסט. זי איז פון אָנהייב ביז ענדע דער סאַמע ריינסטער אָדער ערלעכסטער אומשולד, דער סאַמע טיפסטער אַרויסרעדער פון דעם רוחניותדיקן סוד אין די ישן. דערפאַר האָט זי דעם קלענסטן שייכות צו קונסט, און וואָס גרעסער זי איז, איז זי כמעט אין גאַנצן באַפרייט פון איר.

אָבער אויך גרויסע קונסט האָט, און מוז אין זיך האָבן אַ גאָר היפשן צומיש אָדער

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

צו אַלע אונדזערע פריינד,
צו אַלע פאַרבליבענע מיטגלידער פון אונדזער משפחה,
צו עם ישראל בארץ ישראל
ולכל דורשי שלום בכל העולם כולו—

**אונדזערע האַרציקסטע גליקוווּנטשן.**

**אריה און בעלאַ פּאָזי**

דורכרייס פון גרויסער פּאָעזיע. די עכטע אימיטאַציע פונעם באַשאַף מוז תמיד גע־מישט זיין מיט דעם געהעריקן צוטייל פון פּאָעזיע, ווייל אפילו די סאַמע איבער־פלעכלעכע שטריכן אינעם געטלעכן באַ־שאַף, זיינען פול מיט מיסטעריע. און דער־פאַר טאַקע קאָן מען נישט זיין קיין עכטער קינסטלער אָן צו זיין איינצייטיק אויך אַן עכטער פּאָעט, ווייל עכטע קונסט אָן דיכ־טונג איז נישטאָ. זי קען אפילו ווי אַזאַ נישט אויפטויכן. יעדער נאָוועליסט אָדער קינסטלער איז אויף אַזוי פיל גרויס, אויף וויפל ער איז אויך גרויס אינעם פּאָעטישן. נאָר דאָס גרויס־פּאָעטישע שאַפט די גרויסקייט אין אַלע קונסטווערק פון אַלע זשאַנרען און געביטן. דיכטונג איז די גרעסטע אוממיטלבאַרע קראַפט, וואָס אַנט־פלעקט מענטשלעכן גייסט, און ס'איז נישטאָ קיין גרעסערע ווירקונג, ווי די דאָזיקע אַנטפּלעקונג.

## תיקון טעות

אין די לידער פון ליב וואַסערמאַן, גע־דרוקט אין „חשבון" נומער 93, האָבן זיך אַריינגעכאַפּט צוויי דרוק־פעלערן. אין דעם דעם ליד **ווען** דאַרף זיין:

„דיין מאַרגן טראָגט
אויף אַ באַרג פּאַפּירן."

און אין דעם ליד אַ גאַנץ לעבן דאַרף זיין:

„אָפּגעלאָפּענע שטופּעס
פון מיין געשטאַלט."

דער אונטערשייד איז צו גרויס דאָס צו לאָזן ניט קאָרעגירט. מיר האָפן אַז דער דיכטער וועט אונדז מוחל זיין פאַרן דורכלאָזן די צוויי דרוק־פעלערן.

די רעדאַקציע

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

G. FRYDMAN

337½ North Hayowrth Ave. Los Angeles, Calif. 90048
Phone: 655-1292

פאַרוואַלטונג „חשבון"